STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05200

UKRAYNISHE FOLKMAYSES

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוקראַינישע פאלקמאַיסעס

פון אוקראַיניש

ל. קוויטקאָ

ר. ס. פ. ס. ר.

אַרויסגעגעבן פון דער אידישער סעקציע באַם קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקבילדונג

1922

שאַרבלאַט און טעקסט
אילוסטרירט
פֿון ל. פּיסיצקי.

אַ הענטשקע.

אַמאָל איז געווען אַ זיידעצי, האָט ער פאַרלוירן אַ הענטשקע. לויפט אַזוי זיך אַ מייזל, דערזעט די הענ־טשקע, קריכט עס אַריין און באַזעצט זיך דאָרט.

קומט צוקריכן אַ זשאַבע און זאָגט:

— ווער וואוינט עס אין דער הענטשקע?

— מיזל־מייזל — און ווער ביסטו אַזוינס?

— איך בין זשאַבע־שקראַבע, לאָז מיך אויך אַריין.

— קום.

קומט גיך צולויפן אַ האָזל און זאָגט:

— ווער וואוינט עס אין דער הענטשקע, ווער?

— מיזל־מייזל און זשאַבע־שקראַבע — און ווער ביסטו אַזוינס?

— האָזל־טאָזל — לאָזט מיך אויך אַריין.

— קום.

לויפט אָן אַ פוקס:

— ווער וואוינט עס אין דער הענטשקע, ווער?

— מיזל־מייזל, זשאַבע־שקראַבע, האָזל־טאָזל — און ווער ביסטו אַזוינס?

— פיקסל־ביקסל, לאָזט מיך אויך אַריין.

— קום.

זיצן זיי אַזוי, לויפט אָן אַ וואָלף:

— ווער זיצט עס אין דער הענעטשקע, ווער?

— מיזל־מייזל, זשאַבע־שקראַבע, האָזל־טאָזל און פיקסל־ביקסל. און דו ווער ביסט?

— וועלפּעלע־וואָלף, לאָזט מיך אויך אַריין.

— קום.

רוקט זיך אָן דער בער, ברומט און פרעגט:

— ווער זיצט עס אין דער הענעטשקע, ווער?

— מיזל־מייזל, זשאַבע־שקראַבע, האָזל־טאָזל, פיקסל־ביקסל און וועלפּעלע־וואָלף. ווער ביסטו אַזוינס?

— בערל־בער. לאָזט מיך אויך אַריין.

— קום אַריין.

איז ער אויך אַריינגעקראָכן.

לויפט אַ כאַזער — כראַ — כראַ — כראַ:

— ווער איז אין דער הענעטשקע, ווער?

— מיזל־מייזל, זשאַבע־שקראַבע, האָזל־טאָזל, פיקסל־ביקסל, וועלפּעלע־וואָלף און בערל־בער. און ווער ביסטו?

— כאַזער־נאַזער. לאָזט מיך אויך אַריין אין הענעטשקע.

— קום.

איז ער אַריינגעקראָכן און זיך אויך באַלייגט.

קומט אָן אַ יעגער, זעט ער אַ הענעטשקע ליגט אין פעלד און וואַרפט זיך. טוט ער זי אַ כאַפּ און טרייסלט אַרויס אַלע כאַיעלעך פון דאָרטן.

אַ קניידל.

האָט אַמאָל געלעבט אַ זיידע מיט אַ באָבע, אַזוינע אָרעמע, אַז האָבן גאָרניט פאַרמאָגט. איז איינמאָל אין אַ טאָג האָבן זיי שוין קיין ברויט אויך ניט געהאַט, ניטאָ וואָס אין מויל צו נעמען. זאָגט דער זיידעצי:

— באָבעצי, גיי אין קאַנורע אַריין, שאָב דאָרט צונויף דעם מעלשטויב פונם קאַסטן און קאָך מיר אָפּ אַ קניידל.

האָט די באָבע טאַקע אַזוי געטאָן.

האָט אונטערגעהייצט דעם אויוון, האָט די שטויבראָש־טשינע מיט אייער פאַרקנאָטן, אָפּגעקאָכט אַ קניידל און אַוועקגעלייגט אַפן פענסטער, ס׳זאָל זיך אָפּקילן.

איז עס אַראָפּ פונם פענסטער אַפן פריזבע, פון דער פריזבע אַף דער ערד און זיך אַוועקגעקייקלט מיטן שליאַך.

לויפט און לויפט, און אים אַנטקעגן — אַ העזל.

— קניידל, זאָגט ער, קניידל, כ׳וועל דיך אויפעסן.

— עס מיך ניט, העזעלע, שיין נעזעלע. כ׳וועל דיר בעסער זינגען אַ לידעלע.

— אַנו, אַ וועלכס?

— בין פון מעלשטויב אויסגעקנאָטן,
בין אַף אייער אויסגעבראָטן,
ווי פון ווידע־באָבע אַנטלאָפן,
וועל אַנטלויפן אויך פון דיר.

און איז אַוועק.
לויפט און לויפט, באַגעגנט אים אַ וואָלף:
— קנײדעלע, קנײדעלע, כ׳וועל דיך אויפעסן!
— עס מיך ניט, וועלפעלע־ברודערל, כ׳וועל דיר אַ לידעלע זינגען.
— אַנו, אַ וועלכס?

— בין פון מעלשטויב אויסגעקנאָטן,
בין אַף אייער אויסגעבראָטן,
ווי פון ווידע־באָבע אַנטלאָפן,
וועל אַנטלויפן אויך פון דיר.

און איז אַוועק.
לויפט און לויפט, קומט אַ בער אַנטקעגן:
— קנײדעלע, קנײדעלע, כ׳וועל דיך אויפעסן!
— עס מיך ניט, בערעלע־שמערעלע, כ׳וועל דיר אַ לידעלע זינגען.
— אַנו, אַ וועלכס?

— בין פון מעלשטויב אויסגעקנאָטן,
בין אַף אייער אויסגעבראָטן,
ווי פון ווידע־באָבע אַנטלאָפן,
וועל אַנטלויפן אויך פון דיר.

און — שוואַליאַם....

לויפט און לויפט – סטאָפּ! באַגעגנט זיך מיטן פּיקסל:

– קניידעלע, קניידעלע, כ'וועל דיך אויפעסן!

– עס מיך ניט, פּיקסל־פּריינט, כ'וועל דיר אַ לידעלע זינגען.

– אַנו, אַ וועלכס?

— בין פון מעלשטויב אויסגעקנאָטן,
בין אַף אייער אויסגעבראָטן,
ווי פון זיידע־באָבע אַנטלאָפן,
וועל אַנטלויפן אויך פון דיר.

– אַנו, נו, זינג נאָר נאָכאַמאָל! זעץ זיך נאָר באַ מיר אַפן צונג אַוועק, איך זאָל בעסער קענען הערן.

האָט זיך דאָס קניידל אַוועקגעזעצט און זיך גענומען זינגען:

— בין פון מעלשטויב אויסגעקנאָטן,
בין אַף אייער אויסגעבראָטן...

און דאָס פּיקסל – האַם! – און דאָס קניידל אַראָפּגעשלונגען.

דער זיידע מיט דער באָבען.

אַמאָל איז געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויסגעלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט.

דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כליפּעט, דער טויערל סקריפּעט און דאָס הינדעלע שרייט: קוד — קודאַך! קוד—קודאַך!

קומט די סאָראָקע און פרעגט:

—טויערל, טויערל, וואָס קרעכצסטו אַזוי?

זאָגט דער טויערל:

—ווען זאָלסט וויסן, וואָלסטו די פּעדערלעך אויסגעריסן.

— וואָס איז?

— אַזוי, געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויס־געלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט

די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע איז אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כליפּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט:
קוד–קודאַך! קוד–קודאַך!

האָט די סאָראָקע זיך אויסגעריסן די פּעדערלעך, האָט זיך געזעצט אַף אַ דעמבעלע, און דאָס דעמבעלע פרעגט:

–וואָס רייסטו זיך, סאָראָקע, די פּעדערלעך אויס?

– ע, ווען זאָלסט וויסן, וואָלסטו די צווייגעלעך, די בלעטעלעך זיך אויסגעפּליקט.

– וואָס איז?

– אַזוי, איז געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע, אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויסגעלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כליפּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט:
קוד–קודאַך! קוד–קודאַך!

האָט דעמבעלע אַראָפּגעלאָזט די צווייגעלעך און די בלעטעלעך צעשאָטן.

פּאַשעט זיך אַ שעפּעלע אונטערן דעמבעלע, פרעגט עס:

– דעמבעלע, דעמבעלע, וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די צווייגעלעך?

— ע׳ ווען זאָלסט נאָר האָרכן, וואָלסטו זיך די הער־נערלעך צעבראָכן!

— וואָס איז?

— אַזוי, איז געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויסגעלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כליפּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט: קוד—קודאַך! קוד—קודאַך!

האָט זיך דאָס שעפּעלע די הערנערלעך צעקלאַפּט.

גייט דאָס שעפּעלע צום קוועלכל, און דאָס קוועלכל פרעגט:

— שעפּעלע, שעפּעלע, פאַרוואָס זיך די הערנערלעך צעקלאַפּט?

— ע׳ ווען זאָלסט וויסן, וואָלסטו דיין וואַסערל פאַר־שטאָפּט!

— וואָס איז?

— אַזוי, געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויס־געלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע אַראָפּ

און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כלי־פּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט: קוד—קודאַך! קוד—קודאַך!

האָט זיך דאָס קוועלכל דאָס וואַסער פאַרשטאָפּט.

קומט דעם דאָרפשרייבערס מיידעלע צום קוועלכל נאָך וואַסער און פרעגט:

— קוועלכל, קוועלכל, פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרשטאָפּט?

— ע, זאָלסט וויסן, וואָלסטו די עמערלעך צעקלאַפּט!

— וואָס איז?

— אַזוי, געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי. האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויסגעלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כלי־פּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט: קוד—קודאַך! קוד—קודאַך!

האָט דאָס מיידעלע די עמערלעך צעקלאַפּט.

קומט זי אַהיים, פרעגט זי די באַלעבאָסטע:

—פאַרוואָס האָסטו די עמערלעך צעקלאַפּט?

— ע, איר זאָלט וויסן, וואָלט איר די צעפּ זיך אויסגעריסן!

— וואָס איז?

— אַזוי, געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויס־געלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט, האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע איז אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבע־צי כליפּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט: קוד—קודאַך! קוד—קודאַך!

האָט זיך די באַלעבאָסטע די צעפּ אויסגעריסן.

פרעגט דער באַלעבאָס:

— פאַרוואָס האָסטו זיך די צעפּ אויסגעריסן?

— ע, וואָלסט וויסן, וואָלסטו אַלע דיינע פּאַפּירן צע־וואָרפן און די מענטשן אַרויסגעוואָרפן!

— וואָס איז?

— אַזוי, געווען אַ זיידעצי מיט אַ באָבעצי, האָבן זיי געהאַט אַ הינדעלע אַ ראָבעצי, האָט דאָס הינדעלע אויס־געלייגט אַן אייעלע, ניט קיין פּראָסטס, אַ גאָלדנס. האָט דער זיידעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. האָט די באָבעצי געקלאַפּט, געקלאַפּט און ניט צעקלאַפּט. איז געלאָפן דאָס מייזל, אַ דריי מיטן עקל, דאָס אייעלע אַראָפּ און זיך צעקלאַפּט. דער זיידעצי וויינט, די באָבעצי כלי־פּעט, דער טויערל סקריפּעט, און דאָס הינדעלע שרייט: קוד — קודאַך! קוד — קודאַך!

האָט דער באַלעבאָס אַלע פּאַפּירן צעוואָרפן און די מענטשן אַרויסגעוואָרפן.

אַ קלוג מיידל.

זיינען געווען צוויי ברידער. איינער אַן אָרעמער, דער צווייטער אַ רייכער. האָט איינמאָל דער רייכער זיך דערבאַרעמט אַפן אָרעמען, וואָס האָט קיין טראָפּן מילך ניט פאַר די קינדער, און האָט אים אַוועקגעגעבן אַ מעלקעדיקע קו.

און געזאָגט:

„וועסט מיר ביסלעכווייז אָפּאַרבעטן פאַר איר."

נו, האָט דער אָרעמער אים ביסלעכווייז אָפּגעאַרבעט; אָבער מיטדערצייט האָט דער רייכער ברודער כאַראָטע געקראָגן און געמאָנט דעם אָרעמען:

„גיב מיר אָפּ מיין קו צוריק!"

„ברודערל, כ'האָב זיך דיר פאַר איר אָפּגעאַרבעט!"

„פיל האָסטו מיר אָנגעאַרבעט! ווי אַ קאָטער אָנגע־וויינט. דאָס איז דאָך אַ קו! גיב אָפּ!"

האָט דעם אָרעמען זייער באַנג געטאָן זיין האָרעוואַניע און ניט געוואָלט אָפּגעבן די קו.

זיינען זיי געגאַנגען צום פּאָרעץ זיך לאָדן.

געקומען צום פּאָרעץ.

איז אָבער דעם פּאָרעץ ווייניג אָנגעגאַנגען, ווער איז געדעכט, ווער ניט. וואָס אַרט עס אים? — און זאָגט זיי:

„ווער ס׳וועט מיין רעטעניש טרעפן, דעמס קו וועט עס זיין.“

„זאָגט, פּאָרעץ!“

„הערט: וואָס איז אַף דער וועלט דאָס זאַטסטע, גיכ־סטע און ליבּסטע פון אַלץ? קומט מאָרגן און באַשיידט.“

גייען די בּרידער אַוועק. דער רייכער גייט און טראַכט בּאַ זיך:

„עט, אַ נאַרעשקייט, ניט קיין רעטעניש! וואָס איז דען זאַטער פונם פּאָרעצס כאַזיירים, שנעלער פונם פּאָרעצס כאָרטן און ליבּער פון געלט? ע, די קו וועט מיינע זיין!“

דער אָרעמער איז אַהיים געקומען, געטראַכט, גע־טראַכט, און זיך פאַרזאָרגט. האָט ער געהאַט אַ טעכטערל, מאַרוסיע, פרעגט זי אים:

„וואָס זייט איר פאַרזאָרגט, טאַטע? וואָס האָט דער פּאָרעץ געזאָגט?“

„יאָ, טאָכטער, ער האָט אַזאַ רעטעניש פאַרגעבּן, אַז איך וועל זיך קיינמאָל ניט דערטראַכטן, וואָס ס׳איז.“

„וואָס איז דאָס, טאַטע, פאַר אַ רעטעניש?“ פרעגט מאַרוסיע.

„ס׳איז אַזאַ. וואָס איז אַף דער וועלט דאָס זאַטסטע, גיכסטע און ליבּסטע פון אַלץ?“

„ע, טאַטע, דאָס זאַטסטע פון אַלץ איז די מאַמע־ערד, ווייל אַלעמען האָדעוועט זי, טרינקט אַלעמען אָן, און עסט

אויך אַלעמען אויף. דאָס גיכסטע פֿון אַלץ איז דער געדאַנק, ווייל מיטן געדאַנק פֿליסטו איבער אין אַ רעגע, וואוהין דו ווילסט נאָר. און דאָס ליבסטע פֿון אַלץ איז דער שלאָף, ווייל ווי ס'איז גוט און ליב דעם מענטשן, וואַרפֿט ער אַלץ אַוועק, אַבי אַנטשלאָפֿן ווערן."

„עך", זאָגט דער פֿאָטער, „טאַקע עמעס אַזוי! כ'וועל דעם פֿאָרעץ טאַקע אַזוי זאָגן."

אַפֿמאָרגן קומען ביידע ברידער צום פֿאָרעץ.

פֿרעגט דער פֿאָרעץ:

„אַנו, געטראָפֿן?"

„געטראָפֿן, פֿאָרעץ!" — זאָגן ביידע.

פֿאַרכאַפּט באַלד דער רייכער, טרעט אַרויס און זאָגט:

„זאַטער פֿון אַלץ, פֿאָרעץ, זיינען אייערע כאַזיירים, גיכער פֿון אַלץ זיינען אייערע כאָרטן, און ליבער פֿון אַלץ איז געלט."

„ע, ניין, ניט אַזוי", זאָגט דער פֿאָרעץ, און פֿרעגט דעם צווייטן:

„אַנו, דו?"

„אָט, פֿאָרעץ, ניטאָ קיין זאַטערע, ווי די ערד. זי האָדעוועט און טרינקט יעדן אָן, און עסט אויך אַלעמען אויף."

„גערעכט, גערעכט!" זאָגט דער פֿאָרעץ, „נו, און דאָס שנעלסטע?"

„דאָס שנעלסטע, פֿאָרעץ, איז דער געדאַנק, ווייל מיטן געדאַנק פֿליסטו איבער אין אַ רעגע, וואוהין דו ווילסט."

„יאָ, און דאָס טייערסטע?" — פרעגט דער פּאָרעץ.

„און דאָס טייערסטע איז דער שלאָף, ווייל ווי ס'איז ליב און גוט דעם מענטשן, וואַרפט ער אַלץ, אַבי אַנט־שלאָפן ווערן."

„גוט, געטראָפן", זאָגט דער פּאָרעץ, „ד י י ן קו, אָבער זאָג מיר דעם עמעס, האָסטו עס אַליין געטראָפן, אָדער עמיצער האָט דיר געזאָגט?"

„יאָ, אָט, פּאָרעץ", זאָגט דער אָרעמער, „כ'האָב אַ טעכטערל, מאַרוסיע, האָט זי מיך עס אויסגעלערנט."

האָט דער פּאָרעץ זיך אַזש צעבייזערט.

„וואָס הייסט עס? איך בין אַזאַ כאָכעם, און זי דאַרטן עפּעס אַ פּראָסט שיקסל, זאָל זי מיינע רעטענישן טרעפן? וואַרט זשע! נאַ דיר אָטדי צען געקאָכטע אייער, ברייג זיי דיין טאָכטער. זאָל זי אף זיי אַוועקזעצן אַ קוואָקע, די קוואָקע זאָל איבער דער איינער נאַכט אויסוואַרעמען הענ־דעלעך, זיי אויפהאָדעווען, און דריי פון די הענדעלעך זאָל זי מיר אָפּבראָטן אַף איבערבייסן, און דו, נאָך איידער איך וועל אויפשטיין, זאָלסטו זיי מיר ברייגגען. איכל וואַרטן. אויב ז'וועט עס ניט מאַכן, וועט אייך גאָר ביטער זיין!"

גייט דער האַרציקער פּאָטער אַהיים און וויינט. קומט אַקעגן די טאָכטער און פרעגט:

„וואָס וויינט איר, פּאָטערל?"

„וואָס דען, טאָכטער, כ'זאָל ניט וויינען? דער פּאָרעץ האָט דיר געשיקט צען געקאָכטע אייער און פאַרזאָגט,

זאָלסט אַף זיי אַ קוואָקע זעצן און נאָר איבער נאַכט זאָל די קוואָקע אויסזיצן און אויפהאָדעווען הענדעלעך, און דו זאָלסט זיי אים אָפּבראָטן אַף איבערבייסן."

האָט דאָס מיידל גענומען אַ טעפּל קאַשע און געזאָגט:

"נאַט, טאַטע, טראָגט אָטדאָס אַוועק דעם פּאָרעץ און זאָגט אים, ער זאָל אויסאַקערן און פאַרזייען די קאַשע, און ס'זאָל פון איר אויסוואַקסן פּראָסע, נאָר ס'זאָל גיך פאַרטיק ווערן, ער זאָל די פּראָסע אָפּשניידן, איבערזיפּן און אויסקלאַפּן הירזש צו האָדעווען די הענדעלעך, וואָס דאַרפן אַרויס פון די געקאָכטע אייער."

האָט ער געבראַכט צום פּאָרעץ די קאַשע, אָפּגעגעבן און געזאָגט:

"אַזוי און אַזוי האָט די טאָכטער געהייסן."

האָט דער פּאָרעץ געקוקט און געקוקט אַף דער קאַשע און דערנאָך גענומען און אָפּגעגעבן די הינט.

שפּעטער האָט ער דערטאַפּט אַ שטעקל פלאַקס, גיט עס דעם אָרעמען און זאָגט:

"טראָג אוועק דיין טאָכטער דאס פלאַקס, לאָז זי עס אויסווייקן, אויסטריקענען, אויסקלאַפּן, אויסטרעטן, אויסשפּינען און אויסוועבן הונדערט איילן לייוונט. אויב זי מאַכט עס ניט, וועט אייך זייער ביטער זיין."

גייט דער אָרעמער אַהיים, אומעטיק און פאַרזאָרגט. באַגעגנט אים דאָס טעכטערל און פרעגט:

"וואס זייט איר, טאַטע, אַזוי פאַרזאָרגט?"

"הער זשע אויס. אָטדאס שטעקעלע פלאַקס האָט דיר דער פּאָרעץ געשיקט, זאָלסט עס אויסווייקן, אויסטרי-

קענען, אויסקלאַפּן, אויסטרעטן, אויסשפּינען און אויסוועבן הונדערט איילן לייוונט.״

האָט מאַרוסיע גענומען אַ מעסער, אַוועק און אָפּגע־שניטן דאס דינסטע צווייגעלע פון אַ בוימל, עס דערלאַנגט דעם פֿאָטער און געזאָגט:

„טראָגט עס אַוועק דעם פּאָרעץ, זאָל ער מיר פון אָט־דעם שטעקעלע האָלץ מאַכן אַ קאָם, אַ קעמל און אַ ברעט, ס׳זאָל זיין אַף וואָס צו שפּינען דעם פלאַקס.״

ברייננט דער אָרעמער דאָס צווייגעלע דעם פּאָרעץ און זאָגט, וואס די טאָכטער הייסט זיך דערפון מאַכן.

האָט דער פּאָרעץ געקוקט און געקוקט און האָט אַוועקגעוואָרפן דאס צווייגעלע.

און טראכט זיך:

„אַזאַ וועסטו אָפּנאַרן! ווייסט אַלץ. ז׳איז ניט פון די, וואָס לאָזן זיך נאַרן!״

דערנאָך האט ער געטראַכט און געטראַכט און דעם אָרעמען אַזוי געזאָגט:

„גיי, זאָג דיין טאָכטער, זאָל זי קומען צו מיר צוגאַסט, נאָר ניט געגאַנגען און ניט געפאָרן, ניט באָרוועס און ניט געשוכט, ניט מיט א מאַטאָנע און ניט אָן אַ מאַטאָנע. אַז זי וועט דאָס ניט טאָן, וועט אייך זיין זייער ביטער.״

גייט ווידער דער פֿאָטער אַ דערשלאָגענער אַהיים, געקומען און זאָגט דער טאָכטער:

„נו, וואָס, טאָכטער, וועלן מיר טאָן, דער פּאָרעץ האָט פאַרזאָגט אַזוי און אַזוי.״ און דערציילט איר אַלץ.

זאָגט מאַרוסיע:

„האָט קיין מוירע ניט, טאַטע, ס׳וועט שוין זיין גוט. גייט און קויפט מיר נאָר אַ לעבעדיקן האָז.“

איז אַוועק דער פאָטער און געקויפט אַ לעבעדיקן האָז. און מאַרוסיע האָט אַף איין פוס אָנגעשטעקט אַ צעריסענעם שוך, דער צווייטער — באָרוועס, דערנאָך געכאַפּט אַ פוי־געלע, איינגעשפּאַנט אַ צאַפּ אין אַ קינדערשליטל, און זיך גענומען דעם האָז אונטערן האַנט, דעם פויגל אין האַנט, איין פוס געשטעלט אין שליטל, מיטן צווייטן שפּאַנט אַפן שליאַך, דער צאַפּ שלעפּט איין פוס, דער צווייטער גייט אַליין, און קומט אַזוי צום פּאָרעץ אין הויף אַריין. אַז דער פּאָרעץ האָט דערזען, אַז זי קומט אַזוי, האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט:

„רייצט אָן אַף איר די הינט!!“

זיינען די הינט זי באַפאַלן. האָט זי אָפּגעלאָזט דעם האָז, האָבן זיך די הינט אַוועקגעלאָזט נאָך אים. איז זי אַריינגעקומען צום פּאָרעץ און זיך געגריסט און געזאָגט:

„אָט איז אייך, פּאָרעץ, אַ מאַטאָנע!“

און דערלאַנגט אים דאָס פויגעלע. אַז דער פּאָרעץ האָט עס נאָר געוואָלט נעמען, האָט זי עס אָפּגעלאָזט — פּררררר — און אַרויס דורכן אָפענעם פענסטער.

זעט שוין דער פּאָרעץ, אַז זי איז אַזאַ כאַכאָמע, אַז מ׳קען גאָרניט זיין קליגער פון איר. איז אַז זי איז אויס־געוואַקסן, האָט ער זי גענומען צו זיך.

איוואַשקע

איז אַמאָל געווען אַ זיידע מיט אַ באָבע, האָבן זיי קיין קינדער ניט געהאַט, איז דער זיידע פאַרזאָרגט און די באָבע פאַרזאָרגט.

„וואָס וועלן מיר אַף דער עלטער טאָן, דער אויבערשטער גיט אונז קיין קינדער ניט?"

איינמאָל זאָגט די באָבע אַזוי:

„מאַך, זיידעניו, מיר אַ וויגעלע און פאָר אין וואַלד אַריין, האַק דאָרט אַ בוימל אויס, וועל איך עס אין וויגל וויגן, זיך פאַרגעסן אַביסל."

האָט דער זיידע אַ וויגל געמאַכט, פון וואַלד אַ בוימל געבראַכט. לאָזט די באָבע דאָס בוימל אין וויגל, וויגט און זינגט צו, וויגט און זינגט צו, און ווערט אַנשלאָפן, און דער זיידע אויך.

אינדערפרי, זיי שטייען נאָר אויף — פונם בוימל אַ אינגעלע געוואָרן! אַזאַ פרייד! — אַ אינגעלע! האָבן זיי עס א נאָמען געגעבן איוואַשקע.

וואַקסט איוואַשקע, וואַקסט, איז געוואָרן אַזוי שיין — מאָליי כיין — נאָר אין כאָלעם אַזוינס צו זען!

אז ער איז אונטערגעוואַקסן, זאָגט ער צום פאָטער:

„מאַך מיר, טאַטע, אַ גילדן שיפל מיט אַ זילבערן רו־דערל, כ'וועל שווימען פישעלעך כאַפּען.“

נו, האָט דער זיידע געמאַכט אַ גילדן שיפל, מיט אַ זילבערן רודערל, אַראָפּגעלאָזט אין ריטשקע. פאָרט ער אַזוי, שווימט איבער דער ריטשקע, כאַפּט פישעלעך און האָדעוועט דעם זיידן און די באָבען. כאַפּט און ברענגט און שווימט ווייטער.

און דאָרט אַף דער ריטשקע טאַקע וואוינט ער, אַהין טראָגט מען אים עסן, און די מוטער פאַרזאָגט אים:

„געדיינק זשע, זונו, זיי זיך ניט טויע! אַז איך אַליין רוף דיך, זאָלסטו צושווימען צום ברעג, אַז עמיצער אַ פרעמדער רופט, זאָלסטו זיך ווייטער שווימען.“

האָט די מאַמע פאַר אים איבערבייסן אָפּגעקאָכט, צום ברעג געבראַכט און רופט:

„איוואַשקע, איוואַשקעלע!
שווים צו, שווים צו צום ברעגעלע!
כ'דיר געבן עסן און טרינקען!“

האָט איוואַשקע דערהערט — „מיין מאַמע מיר עסן געבראַכט“ — איז צום ברעג צוגעשווומען, זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען, האָט מיטן זילבערנעם רודערל אָפּגעשטופּט דאָס גילדענע שיפל און ווייטער געשווומען פישעלעך כאַפּן.

אָבער די שלאַנג האָט אונטערגעהערט, ווי די מוטער האָט איוואַשקען גערופן, איז זי צו צום ברעג און רעוועט:

„איוואַשקע, איוואַשקעלע!
שווים צו, שווים צו צום ברעגעלע!
כ'דיר געבן עסן און טרינקען!“

הערט ער עס... „ס'איז ניט מיין מאַמעס קאָל..."
און ווידער אַ טרייסל מיטן רודערל, און זאָגט:

„שווים, שווים, שיפעלע, ווייטער, שווים ווייטער, ווייטער!..."

האָט די שלאַנג געוואַרט, געוואַרט און איז אַוועק פון ברעג.

דערווייל האָט שוין איוואַשקעס מאַמע אָנבייסן אָפּגעקאָכט, געבראַכט צום ברעג און רופט:

„איוואַשקע, איוואַשקעלע!
שווים צו, שווים צו צום ברעגעלע!
כ'דיר געבן עסן און טרינקען!"

האָט ער דערהערט — „ס'איז מיין מאַמינקע, האָט מיר אָנבייסן געבראַכט" — איז צוגעשווומען, זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען, אָפּגעגעבן דער מאַמען די פיש, וואָס ער האָט געפאַנגען, אָפּגעשטופּט דאָס שיפל און שווימט ווידער.

און די שלאַנג איז נאָכאַמאָל באַם ברעג און שרייט מיט אַ גראָבן קאָל:

„איוואַשקע, איוואַשקעלע!
שווים צו, שווים צו צום ברעגעלע!
כ'דיר געבן עסן און טרינקען!"

נאָר איוואַשקע האָט דערקענט, אַז ס'איז ניט דער מאַמעס קאָל, און האָט אַ שפּאַר געטאָן דאָס רודערל:

„שווים, שווים, שיפעלע, ווייטער!"

און אַוועקגעשווומען.

אַזוי עטלעכע מאָל. אַז די מאַמע ברענגט עסן און רופט אים, שווימט ער צו; אָבער אַז די שלאַנג רופט, טוט ער אַ דריי מיטן רודערל, און דאס שיפל טראָגט זיך אַוועק.

זעט שוין די שלאַנג, אַז ס'איז זייער שווער צו פּאַקן איוואַשקען, איז זי אַוועק צום שמיד.

„שמיד, שמיד! שמיד מיר אויס אַזאַ דין קעלעכל, ווי בא איוואַשקעס מאַמען.”

האָט דער שמיד איר אויסגעשמידט אַ דין קעלעכל. איז די שלאַנג אַוועק צום ברעג און רופט:

„איוואַשקע, איוואַשקעלע!
שווים צו, שווים צו צום ברעגעלע!
כ'דיר געבן עסן און טרינקען!”

האָט ער געמיינט, אַז ס'איז די מאַמע, און צוגעשוווּמען צום ברעג. האָט אים די שלאַנג אַרויסגעכאַפּט פונם שיפל און אַוועקגעטראָגן צו זיך אַהיים.

געקומען צום שטיבל:

„אָלענקע, אָלענקע, עפן!”

האָט אָלענקע געעפנט, און ז'איז אין שטיבל אַריין.

„אָלענקע, אָלענקע, הייץ אָן שטאַרק דעם אויוון, אַזש די ציגל זאָלן צעפּאַלן!”

„אָלענקע, אָלענקע, באַק מיר איוואַשקען אָפּ, ביז איך וועל צוריקקומען, כ'גיי צוגאַסט!”

און איז אַוועק. זאָגט אָלענקע:

„איוואַשקע, איוואַשקע, זעץ זיך אַף דער לאָפּעטע, וועל איך דיך אַ הויב טאָן — ביזט אַ שווערער, צי נייַן?”

זאָגט איוואַשקע:

„וויאַזוי זעצט מען זיך, אַז איך ווייס ניט?"

„זעץ זיך", זאָגט אָלענקע.

נעמט ער און לייגט אַוועק דעם קאָפּ.

„אי, ניין, אינגאַנצן זעץ זיך!"

האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט: „אַזוי?"

„אי, ניין, טאַקע אינגאַנצן!"

האָט ער אַרויפגעלייגט די צווייטע האַנט: „אַזוי עפּשער?"

„ניין, ניין", זאָגט אָלענקע.

„נו, ווי זשע, אַזוי עפּשער?" — און לייגט אַרויף אַ פוס אַף דער לאָפּעטע.

„אַך ניין, ניין, ניט אַזוי!"

„נו, ווייז זשע מיר", זאָגט איוואַשקע, „כ'ווייס ניט וויאַזוי."

האָט זי זיך נאָר אַוועקגעזעצט, האָט ער אַ נעם געטאָן די לאָפּעטע, זי אַריינגעוואָרפן אין אויוון און אים פאַרוקט.

באַלד האָט ער די טיר פאַרשלאָסן, האָט אַרויפגעקלעטערט אַף א ווילדן קליאָן און זיצט זיך.

שפּעטער איז די שלאַנג געקומען.

„אָלענקע, אָלענקע, עפן מיר!"

אָלענקע שווייגט.

„אָלענקע, אָלענקע, עפן מיר!"

מע הערט ניט אָלענקען.

„אָט, אַ וויסטע אָלענקע, אַוועק מיט אינגלעך זיך שפּילן!"

האָט זי אַליין נעבעך די טיר געעפנט, אָפּגערוקט דאָס איוונברעטל, אַרויסגענומען פונם אויוון, געמיינט ס'איז איוואַשקע, און געגעסן.

נו, האָט זי אָפּגעגעסן, אַרויס אינדרויסן און שאָקלט זיך איבערן הויף:

„כ'שאָקל זיך, כ'וואַקל זיך,
פון וואַשקעלעס ביינדעלעך געשמאַקע."

און איוואַשקע פונם ווילדן קליאָן אַראָפּ:

„שאָקל זיך, וואַקל זיך
פון אָלענקעס ביינדעלעך געשמאַקע!"

דערהערט זי, און ווידער אירס:

„כ'שאָקל זיך, כ'וואַקל זיך,
פון וואַשקעס ביינדעלעך געשמאַקע."

און איוואשקע זיינס:

„שאָקל זיך, וואַקל זיך
פון אָלענקעס ביינדעלעך געשמאַקע!"

זי טוט זיך אַ כאַפּ ——— איוואַשקע!..

האָט זי זיך אַ נעם געטאָן בייסן דעם בוים. געביסן, געביסן, די ציין זיך צעבראָכן, און ניט איבערצובייסן. איז זי אַוועק צום שמיד.

„שמיד, שמיד! שמיד מיר אויס אַזוינע ציין, כ'זאָל דעם ווילדן קליאָן בייקומען און איוואַשקען אויפעסן."

האָט דער שמיד אויסגעשמידט.

אַז ז'האָט זיך אַ נעם געטאָן... אָט, אָט צעבייסט זי אים... פליט גראָד אַ הערטל גענז, בעט איוואַשקע זיי:

„גענז, גענז, גענזעלעך,
נעמט מיך אַף די פליגעלעך,
טראָגט מיך צו מיין טאַטן,
כ׳האָב דאָרט עסן, כ׳האָב דאָרט טרינקען,
ס׳גוט דאָרט לויפן, שפּרינגען.“

נאָר די געֶנז זאָגן:
„זאָלן דיך די מיטלסטע מיטנעמען!“
און די שלאַנג בייסט און רייסט, אַט, אָט...

זיצט איוואַשקע און וויינט. זע, נאָך אַ הערטל גענז פליט, בעט ער זיך:

„גענז, גענז, גענזעלעך,
נעמט מיך אַף די פליגעלעך,
טראָגט מיך צו מיין טאַטן,
כ׳האָב דאָרט עסן, כ׳האָב דאָרט טרינקען,
ס׳גוט דאָרט לויפן, שפּרינגען.“

ענטפערן אים די אויך:
„זאָלן דיך די הינטערשטע מיטנעמען.“
וויינט איוואַשקע ווידער — —

און דער בוים קנאַקט, ברעכט זיך... די שלאַנג איז אַזש מיד געוואָרן, איז אַוועק, זיך אָנגעטרונקען, און ווידער צום בוים — שוין באַלד, באַלד...

אָט, סע פליט נאָך אַ הערטל גענז. איוואַשקע דער־פרייט זיך און בעט:

„גענז, גענז, גענזעלעך,
נעמט מיך אַף די פליגעלעך,



טראָגט מיך צו מײַן טאַטן,
כ'האָב דאָרט עסן, כ'האָב דאָרט טרינקען,
ס'גוט דאָרט לויפן, שפּרינגען."

„זאָל דיך דאָס הינטערשטע מיטנעמען!"
און זײַנען אַוועקגעפלויגן.
טראַכט זיך איוואַשקע:
„כ'בין שוין אַ פאַרפאַלענער אַף אײביקע יאָר."

און װײנט אַזוי ביטער, אַזוי ביטער — טײַכן פון די אויגן — און די שלאַנג אָט, אָט קערט זי איבער דעם בוים, אָט, אָט...

נאָר — אָן פליט אײמיק אלײן אַ גענזל: זיך פון הערטל אָפּגעשלאָגן, קוים סע פליט; הויבט אָן צו דעם איוואַשקע:

„גענזל, גענזל, גענזעלע!
נעם מיך אַף די פליגעלעך,
טראָג מיך צו מײַן טאַטן,
כ'האָב דאָרט עסן, כ'האָב דאָרט טרינקען,
ס'גוט דאָרט לויפן, שפּרינגען."

זאָגט עס:
„זעץ זיך!"

האָט ער זיך אוועקגעזעצט. האָט זי אים געבראַכט אַהײם, אים אַנידערגעזעצט אינדרויסן אַפן פריזבע און אלײן אַוועקגעפלויגן.

קאָטער און האָן

געווען אַמאָל אַ קאָטער און אַ האָן. האָבן זיי זיך שטאַרק ליב געהאַט, האָבן אַף הינערשע פּיסלעך אַ שטוב געמאַכט און דאָרט געוואוינט אינאיינעם.

דאַרף דער קאָטער אין וואַלד אַריין, שפּענער קלויבן. זאָגט ער דעם האָן: „הער, האָנעך! איך גיי אין וואַלד, און דו זיץ אַפן אויוון און פּיק בייגל. נאָר געדיינק: לאָז קיינעם אין שטוב ניט אַריין, און אַליין גיי פון שטוב ניט אַרויס, אַפילע אַז מ׳רופט דיך.“

„גוט, גוט“ — זאָגט האָנעך, און פאַרשליסט די טיר נאָכן קאָטער.

קומט באַלד צולויפן דאָס פיקסל און הויבט אָן אַרויס־צונאַרן דעם האָנעך פון שטוב:

„קום אַרויס, קום, האָנעכל, צו מיר,
כ׳האָב גילדענע ווייצעלעך פאַר דיר,
גילדענע ווייצעלעך, האָניק = ווייץ,
קומסטו ניט — שפּרינג איך אין פענסטער אַריין!“

און דער האָן ענטפערט אים:

„קאָט, קאָט, קאָטערל,
קאָטערל פאַרבאָטן.“

האָט דאָס פּיקסל אַליין דאָס פענסטערל געעפנט, איז אַריין, דעם באָרשטש אויסגעכליאָפּטשעט, געכאַפּט דעם האָן און לויפט.

שרייט דער האָן:

„קאָטערל,
פּאָטערל,
ס׳טראָגט מיך דאָס פּיקסל,
באַ זיך אַפן ווידל,
אַף שטיינערנע בריקן,
דורך קלענאווע וועלדער,
דורך בערגער פּאַרדרייטע,
דורך וואַסערן גיכע,
קאָטערל, ראַטעווע מיך!"

האָט קאָטער דערהערט, האָט אָנגעיאָגט, האָט אָפּגענומען האָנעכן פונם פוקס, אים אַהיים געבראַכט און אים פאַרזאָגט: „זע זשע, האָנעך, אַז דער פוקס וועט קומען, רוף זיך ניט אָן, ווייל כ׳גיי איצטער גאָר־גאָר ווייט אין וואַלד אַוועק."

און איז אַוועק.

פּיקסל איז ווידער געקומען:

„קום אַרויס, קום, האָנעכל, צו מיר,
כ׳האָב גילדענע ווייצעלעך פאַר דיר,
גילדענע ווייצעלעך, האָניק־ווייַן,
קומסטו ניט — שפּרינג איך אין פענסטער אַריין!"

האָט דער האָן ווידער ניט אויסגעהאַלטן און ענטפערט:

„קאַט, קאַט, קאַטערל,
קאַטערל פאַרבאַטן."

האָט פּיקסל ווידער דאָס פענסטרל אַליין געעפנט, איז אַריין, דעם באָרשטש אויסגעכליאָפּטשעט, געכאַפּט דעם האָן און לויפט.

שרייט דער האָן:

„קאַטערל,
פּאַטערל,
ס'טראָגט מיך דאָס פּיקסל,
באַ זיך אַפן ווײדל,
אַף שטיינערנע בריקן,
דורך קלענאַווע וועלדער,
דורך בערגער פאַרדרייטע,
דורך וואַסערן גיכע,
קאַטערל, ראַטעווע מיך!"

שרייט איין מאָל — קאַטער הערט ניט. שרייט נאָך אַמאָל — קאַטער דערהערט, האָט אָנגעיאָגט, ווידער אָפּגענומען האָנעכן פונם פוקס, אים אַהיים געבראַכט און אים פאַרזאָגט:

„זיך, זאָג איך דיר, האָנעך, אַפן אויוון און פּיק בייגל. אַז פוקס וועט קומען און ריידן צו דיר, ענטפער אים ניט. הערסט? ווייל איצט גיי איך אזוי ווייט אַוועק, אַז וויפל וועסט מיך ניט רופן, וועל איך ניט דערהערן."

און קאַטער איז אַוועק.

שפּרינגט באַלד אָן פּיקסל און:

„קום אַרויס, קום, האָנעכל, צו מיר,
כ׳האָב גילדענע ווייצעלעך פֿאַר דיר,
גילדענע ווייצעלעך, האָניק ־ ווײַן,
קומסטו ניט — שפּרינג איך אין פענסטער אַרײַן."

האָט דער האָן ווידער ניט אויסגעהאַלטן און זיך אָנ־גערופֿן:

„קאָט, קאָט, קאָטערל,
קאָטערל פאַרבאָטן."

האָט פּיקסל ווידער דאָס פענסטער אַליין געעפנט, איז אַרײַן, דעם באָרשטש אויסגעכליאָפּטשעט, געכאַפּט דעם האָן און לויפט.

שרייט דער האָן איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל שרייט ער, אָבער קאָטער איז ערגעץ ווייט, ווייט, און הערט אים ניט.

דערווייל האָט פּיקסל געבראַכט דעם האָן צו זיך אין שטוב.

פֿאַרנאַכט קומט קאָטער אַהיים — האָנעך איז ניטאָ. איז אים זייער שלעכט געוואָרן. יאָגן — קען ער שוין ניט דעריאָגן. האָט ער זיך צוגעטראַכט אַ זאַך. גענומען אַ באַנדורעכל אין די הענט, אַן אויסגעמאָלט זעקל פאַר־וואָרפן אַף דער פּלייצע און אַוועק צו פּיקסלס שטיבל.

זיך געשטעלט אונטערן פענסטער און שפּילט:

„אקסל, עקסל, איקסל,
האָט געהאַט מײַן פּיקסל
טעכטערלעך פֿיר,
פינפטער אַנטיפּקע,

זעקסטער פּיליפּקע,
קום אַרויס,
פּוקס, הער אויס,
שפּיל איך גוט פאַר דיר?"

זאָגט דעם פּוקסעס טעכטערל:
„מאַמע, כ׳לויף אַ קוק טאָן, ווער שפּילט דאָס דאָרט אַזוי."

איז זי געגאַנגען.
קאָטער איר – אַ שנעל אין אויערל און אַריינגעכאַפּט אינם אויסגעמאָלטן זעקל אַריין, און שפּילט ווידער:

„אקסל, עקסל, איקסל,
האָט געהאַט מיין פּיקסל
טעכטערלעך פיר,
פינפטער אַנטיפּקע,
זעקסטער פּיליפּקע,
קום אַרויס,
פּוקס, הער אויס,
שפּיל איך גוט פאַר דיר?"

זאָגט צום פּיקסל דאָס צווייטע טעכטערל:
„מאַמע, כ׳לויף אַ קוק טאָן, ווער שפּילט דאָס דאָרט אַזוי."

און איז אויך אַרויס:
קאָטערל איר – אַ שנעל אין אויערל און אַריינגעכאַפּט אינם אויסגעמאָלטן זעקל אַריין.
אַזוי זיינען אַלע פּוקסעס קינדער אַרויס.

וואַרט דערווייל דער פוקס און וואַרט — מ׳קומט ניט!
זאָגט ער:

„מ׳דאַרף זיי אין שטוב אַריינטרייבן, וואָרעם דער האָן איז שוין אָפּגעבראָטן, און די קאַשע מיט די מילך אויך, שוין צייט עסן וואַרמעס.״

אַזוי האָט קאָטער אויך דעם פוקס געפּאַקט.

און איז אַריין אין נאָרע, דעם באָרשטש אַרויסגערוקט, די קאַשע אויפגעגעסן.

דערנאָך האָט ער דעם האָן אַף אַ טעלער געלייגט און געזאָגט:

„האָנעכל, פריינטעלע, גיב זיך אַ ריר!״

האָט ער זיך אַ ריר געטאָן.

זאָגט דער קאָטער ווייטער:

„האָנעכל, פריינטעלע, שטיי אויף!״

איז ער אויפגעשטאַנען.

האָבן זיי דעם פּיקסל גוט אָנגעשמיסן, און זיינען ביידע פריילעך אַהיים געלאָפן.

דאָס קרומע גענזל

אַמאָל איז געווען אַ זיידע מיט אַ באָבע, האָבן זיי קיין קינדער ניט געהאַט, איז זיי שטאַרק אומעטיק געווען. זאָגט איינמאָל דער זיידע צו דער באָבען:

„קום, באָבע, אין וואַלד אַריין, וועלן מיר שוועמלעך קלייבן."

זיינען זיי געגאַנגען. קלייבט די באָבע שוועמלעך און טוט אַ קוק אונטער אַ קוסט — אַ נעסטל, און אין דעם זיצט אַ גענזעלע.

„זע נאָר, זיידע, ס'אַראַ שיין גענזעלע."

זאָגט דער זיידע:

„לאָמיר זי אַהיים נעמען, זאָל זי זיין באַ אונז." האָט מען זי גענומען, מען טוט אַ קוק — זי האָט אַ צעבראָכן פיסעלע. האָט מען זי פאַמעליכן אַהיים געבראַכט, אַ נעסטל איר געמאַכט, אויסגעבעט מיט פעדערלעך, און דאָס גענזעלע אַריינגעזעצט אין דעם.

זיינען זיי ווידער אַוועק נאָך שוואָמען.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָבן זיי זיך פאַרכי־דעשט: אין שטוב איז אויפגעראמט; ברויט איז אָפּגעבאַקן; אַ באָרשטשל — אָפּגעקאָכט. פרעגן זיי באַ די שכיינים:

„ווער האָט עס געטאָן? ווער איז דאָ געוועז?"

נאָר קיינער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. אַפּמאָרגן זיינען ווידער געגאַנגען דער זיידע און די באָבע שוואָמען קלייבן. מען קומט דערנאָך אהיים — אַך — וואַרעניקעס אָפּגעקאָכטע! פרעגט מען ווידער באַ די שכיינים:

„האָט איר עפּשער געזען עמיצן באַ אונז?"

זאָגן זיי:

„יאָ, מיר האָבן געזען אַ מיידל האָט אייך וואַסער געבראַכט פון דער קרעניצע, אַזאַ שיינינקע! — נאָר הינקט אַביסל אונטער."

טראַכטן זיי און קלערן, ווער קען דאָס זיין, נאָר זיי קענען ניט טרעפן. דערנאָך זאָגט די באָבע:

„ווייסטו וואָס, זיידע? לאָמיר אַזוי טאָן. מירן זאָגן, אַז מיר גייען נאָך שוועמלעך אין וואַלד, נאָר מ׳ר וועלן זיך דאָ ערגעץ פאַרזעצן און זיך אונטערקוקן, ווער טראָגט עס צו אונז וואַסער."

אַזוי טאַקע האָבן זיי געטאָן.

זיי שטעלן זיך אונטערן קאַמער, און אָט זעען זיי:

פון זייער שטיבל גייט אַרויס אַ מיידל, מיט אַ קאָראָ־מיסלע, אַזאַ שיין מיידל, אַזאַ שיינע! נאָר הינקט אונטער אַביסל. איז זי זיך אַוועק צום ברונעם, און זיידע און באָבע באַלד אין שטיבל אַריין. זעען זיי, דאָס גענזעלע איז ניטאָ אין נעסטל, נאָר ס׳איז פול, פול מיט פעדערן. האָבן זיי גע־כאַפּט דאָס נעסטל און אין אויוון אַריינגעשמיצט, איז דאָס באַלד פאַרברענט געוואָרן.

קומט דערווייל דאָס מיידל מיט דער וואַסער, איז אַריין אין שטוב און דערזען דעם זיידן און די באָבען, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צום נעסטל. אָי וויי! — דאָס נעסטל איז ניטאָ. האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט, צעכליפּעט.

זאָגט צו איר דער זיידע און די באָבע:

„וויין ניט, פייגעלע, דו וועסט אונז זיין אַ טעכטערל, מירן דיך ליב האָבן און אָפּהיטן ווי אַן אייגן קינד."

זאָגט דאָס מיידעלע:

„כ'וואָלט טאָמיד געווען געלעבט בײַ אייך, ווען איר זאָלט ניט געווען פאַרברענען מיין נעסטל און מיר ניט נאָכקוקן. נאָר איצט וויל איך שוין ניט! מאַכט מיר, זיידע, אַ שפּינדל מיט אַ ווערעטענע — איך וועל אַוועק פון אייך."

וויינט דער זיידע, וויינט די באָבע, מ'בעט זי פאַר־בלייבן, נאָר זי וויל ניט.

האָט איר דער זיידע געמאַכט אַ שפּינדל, אַ ווערע־טענדל, האָט זי זיי גענומען, זיך אַוועקגעזעצט אין הויף און שפּינט. דערווייל פליט אַ הערטל גענז, האָבן זי דער־זען און זינגען אַראָפּ:

„אָט איז אונזער מיידל,
אונזער ווערב, דער איידלער,
אינם אויסגעקערטן טאָל,
אַף אַן אָפּגעטאָקטן שטול,
שפּרינגט איר שפּינדעלע און זינגט,
ווערעטענדעלע — סע קלינגט,
צו איין פעדערל מיר וואַרפן —
גענזל, פלי מיט אונז!"

און דאָס מיידעלע ענטפערט אָפּ:

„כ׳וועל מיט אייך ניט פליען,
ווייל דאַן, איך טייכל־פליסל
זיך אויסגעלינקט אַ פּיסל — —
איר האָט זיך אַוועקגעלאָזט
און מיך דאָרט אַליין געלאָזט!"

האָבן די פליענדיקע גענז איר יעדער צו איין פעדערל אַראָפּגעוואָרפן און זיך ווייטער געפלויגן. פליען באַלד אַנדערע גענז און זינגען אויך:

„אָט איז אונזער מיידל,
אונזער ווערב, דער איידלער,
אינם אויסגעקערטן טאָל,
אַף אַן אָפּגעטאָקטן שטול,
שפּרינגט איר שפּינדעלע און זינגט,
ווערעטענדעלע — סע קלינגט.
צו איין פעדערל מיר וואַרפן —
געגזל, פלי מיט אונז!"

האָט דאָס מיידעלע זיי אויך אָפּגעזאָגט מיטצופליען. האָבן זיי איר יעדער א פעדערל אַראָפּגעלאָזט און ווייטער געפלויגן.

פליט באַלד אָן אַ דריט הערטל געגז. אַז זיי דערזעען דאָס מיידל, הויבן זיי באַלד אָן:

„אָט איז אונזער מיידל,
אונזער ווערב, דער איידלער
אינם אויסגעקערטן טאָל,
אַף אַן אָפּגעטאָקטן שטול,

שפרינגט איר שפינדעלע און זינגט,
ווערעטענדעלע — סע קלינגט.
צו איין פעדערל מיר ווארפן —
גענזל, פלי מיט אונז!״

און אַראָפּגעלאָזט יעדער צו פעדערלעך. האָט זיך דאָס מיידעלע איינגעוויקלט אין זיי, איז באַלד געוואָרן אַ גענזעלע און אַוועקגעפלויגן מיטן הערטל. און דער זיידע און די באָבע זיינען ווידער אליין געבליבן.



רעב קאָטער

באַ איינעם אַ מענטשן איז געווען אַן אַלטער קאָטער, גאָר אַן אַלטער, האָט שוין קיין מייז אויך ניט געקענט כאַפּן. האָט זיך דער באַלעבאָס געטראַכט:

„וואָס באַדאַרף איך אים? אַבי אומזיסט אים האָדעווען, לאָז ער בעסער שוין אין וואַלד זיין."

האָט ער דעם קאָטער טיף אין וואַלד פאַרפירט און צוריק אַליין אהיים געפאָרן.

קומט צום קאָטער אַ פיקסל און פרעגט אים:

„ווער ביזטו אַזוינס?"

ענטפערט ער:

„איך בין — רעב קאָטער."

זאָגט פיקסל:

„דו זיי מיר מיין מאַן, און איך וועל דיר זיין דיין ווייב."

איז מען דורכגעקומען. פירט דאָס פיקסל דעם קאָטער אין שטוב אַריין, ווייזט אים אַרויס געטריישאַפט, פאַקט אַ הענדעלע און טיילט דעם קאָטער אויך צו אַ כייליק.

מאַכט זיך שפּעטער, אַ האָזל באַגעגנט זיך מיט פיקס־לען און זאָגט אים:

„פּיקסל־פּריינט, איך וועל צו דיר אַריינקומען מאָרגן פרי.“

זאָגט פּיקסל:

„ס'איז איצט בײַ מיר דער הער קאָטער, ער וועט דיך נאָך אַף שטיקער צערייסן.“

איז אַוועק דער האָז און דאָס דערציילט דעם וואָלף, דעם בער און דעם ווילדן כאַזער. זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען זיך באַראַטן: ווי מאַכט מען עס, מ'זאָל קענען זען דעם הער קאָטער? — אָטאַזוי:

„צוגרייטן אַן אָנבייסן!“

האָט מען זיך גענומען צעטיילן מיט דער אַרבעט. וואָלף זאָגט:

„איך וועל ברענגען פלייש צום באָרשטש.“

דער כאַזער:

„איך גיי נאָך בורעקעס און קאַרטאָפלעס.“

דער בער:

„און איך ברענג האָניק אַף פאַרבייסעכץ.“

דער האָז:

„און איך — קרויט.“

שוין אַלץ צונויפגעבראַכט, האָט מען זיך גענומען דעם מיטאָג קאָכן, אָפּגעקאָכט און זיך גענומען באַראַטן: ווער זאָל גיין רופן דעם הער קאָטער אַפן מיטאָג. דער בער זאָגט:

„איך וועל ניט דערלויפן, ווען מ'וועט דאַרפן אַנטלויפן.“

דער כאַזער:

„איך בין אויך ניט קיין רירעוודיקער״.

דער וואָלף:

„איך בין שוין אַלט, דערצו נאָך אביסל בלינדלעך.״

פאַלט עס אויס, נאָר דאָס האָזל זאָל גיין. איז דער האָז אַוועק, זיך אונטערן פוקסעס נאָרע אַוועקגעשטעלט און געוואַרט.

שפרינגט אַרויס אַזוי דאָס פיקסל און טוט אַ קוק, האָזל שטייט אַף די הינטערשטע פיסלעך באַ זיין שטוב, פרעגט ער אים:

„וואָס ביזטו געקומען?״

זאָגט ער:

„דער וואָלף האָט אייך געבעטן, און דער בער, און דער וואַלדכאַזער, און איך בעט דיך אויך, אַז דו זאָלסט נעמען דעם הער קאָטער און קומען מיט אים צו אונז אַף אַ מאָלצייט.״

זאָגט דער פוקס:

„איך וועל קומען מיט אים. נאָר איר באַהאַלט אַייך אויס, ווייל ער קען אַייך נאָך צערייסן אַף שטיקער.״

לויפט האָזל אַוועק צו זייניקע און באַרימט זיך:

„באהאַלט אַייך אויס, האָט פיקסל געזאָגט, ווייל אַז ער וועט קומען, וועט ער אונז אויסשטיקן אײנציקווייז.״

האָבן זיי זיך גענומען באַהאַלטן: דער בער קריכט אַפן בוים; דער וואָלף אונטער די שטרויכן; כאַזער גראָבט זיך אַיין אין אַ קאַלוזשע, און דאָס האָזל קריכט אַרײַן אין א בוימלאָך.

דערווײַל פּירט דאָס פּיקסל זײַן הער קאָטער צום טיש. ווי דער קאָטער האָט דערזען אַזויפיל פלייש, מאַכט ער:

„מיאַאו – ווייניק! מיאַאו – ווייניק!"

און יענע אין די באַהעלטענישן טראַכטן:

„אָט אַ גאַזלען, אים נאָך ווייניק!"

דערנאָך, אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך צע־לייגט אַפן טיש. און דער כאַזער איז אין קאַלוזשע גע־לעגן, ניט ווייט פונם טיש, האָט אים גראָד אַ קאָמאַר אַ ביס געגעבן, האָט ער מיטן ווײַדעלע אַ פּאָכע געטאָן, דעם קאָמאַר פּאַרטריבן. דער קאָטער אָבער האָט געמיינט, אַז דאָרטן איז אַ מײַזל – איז – האָפּ! – אַהין. דער כאַזער דערשרעקט זיך און שטעלט פּיס, הער קאָטער דערשרעקט זיך פאַרן כאַזער און כאַפּט זיך אַף דעם בוים, וואו דער בער זיצט. ווערט שלעכט דעם בער, וואָס דער קאָטער קריכט צו אים, קריכט ער העכער ביזן שפּיץ בוים, האַלט דער שפּיץ ניט אויס, און – בוך! – דער בער פאַלט אין טאָל אַראָפּ. דערזעט דער וואָלף, וואָס דאָ טוט זיך, כאַפּט ער די פּיס אַף די פּלייצעס און לויפט, וואוהין די אויגן טראָגן. און דער האָז איז שוין גאָר אַוועק, ווי אַ האָזל קען.

דערנאָכדעם זיינען אַלע צונויפגעקומען און מע רעדט:

„אָט איז אַ מאַזיק! אָבער אונז אַלעמען האָט ער ניט אויפגעפרעסן!"

דאָס גילדענע שיכעלע

האָבן זיך געלעבט אַ זיידע מיט אַ באָבע. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ טעכטערל, און זי אַ טעכטערל. זאָגט איינמאָל די באָבע צום זיידן און נאָכאַמאָל און איינגעשפּאַרט:

„קויף, זאָג איך, קויף אַ ביקל, זאָלן אונזערע טעכ־טערלעך קענען פּאַשען!"

איז דער זיידע אַוועקגעפֿאָרן און געבראַכט אַ ביקל.

פֿאַרטאָג כאַפּט זיך אויף די באָבע און שרייט צו דעם זיידנס טעכטערל:

„זאָלסט טרייבן דאָס ביקל פּאַשען, נאַ דיר מיט אַ פּאַסמע, זאָלסט אויסדרייען פֿאָדעם, אויסאַרבעטן לייוונט, אין ריטשקע זי אויסווייקן — געדיינק!"

די באָבע האָט זייער ניט ליב געהאַט דעם זיידנס טעכטערל — זי איז שיין ווי אַ יונגער בוים און רירעוודיק ווי אַ בין — און איר אייגן טעכטערל איז ניט קיין געראָ־טענע, פֿוילט זיך עפּעס צו טאָן און טויג אַף גאָרניט.

האָט דעם זיידנס טעכטערל גענומען די פּאַסמע און געטריבן דאָס ביקל אַף פּאַשע. האָט אַ גוט ערטל אויס־געקליבן, וואו ס'גראָז — ווי זייד, וואו די זון וואַרעמט, און קיין פֿליג פֿליט ניט. פּאַשעט זיך, און זי אַליין וויינט.

גייט דאָס ביקל צו און פרעגט:

„וואָס ווייִנסטו, מיידעלע?"

„ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז די באָבע האָט מיר אַזאַ שווערע אַרבעט פאַרגעבן. איך קען עס דען אָפּטאָן?"

„זאָרג זיך ניט, ס'וועט שוין מיסטאָמע ווערן, זאָגט דאָס ביקל, לייג זיך צו און שלאָף אַביסל!"

האָט דעם זיידנס טעכטערל געפאָלגט און אַנשלאָפן געוואָרן. אַז די זון איז שוין ווייט פאַרגאַנגען, האָט זי זיך ערשט אויפגעכאַפּט. לעבן איר ליגט ווייסע לייוונט, ווי שניי קלאָר, כאָטש נעם און ניי אַ העמדעלע אויף.

האָט זי זיך באַרואיקט, געכאַפּט און דער באָבען גע־בראַכט. די באָבע האָט נאָר מיטן קאָפּ אַ דריי געטאָן און באַהאַלטן די לייוונט טיף אין קאַסטן.

אפן צווייטן טאָג שיקט די באָבע איר אייגן טעכטערל:

„טרייב דאָס ביקל אַף פאַשע. נאַ דיר אַ פאַסמע מיט, וועסט אויסאַרבעטן איז גוט, ניין — דאַרף מען ניט!"

האָט דער באָבעס טעכטערל דאָס ביקל געטריבן, כאָטש סע גייט אַליין, קלאַפּט זי עס מיט אַ צווייגל — פּ י ו ט און פּ י ו ט...

אַף דער פאַשע געקומען, האָט זי ז י ך אויסגעזוכט אַ גוט ערטעלע, די זון זאָל ניט באַקן, און שלאָפט. אינאָוונט איז זי אויף, און ווידער מיטן צווייגל — פּ י ו ט און פּ י ו ט — כאָטש דאָס ביקל ניט סע גייט אַהיים, נאָר סע בריקעוועט.

אַהיים געקומען, האָט זי דער באָבען אָפּגעגעבן די פאַסמע און געזאָגט:

„די זון האָט די גאַנצע צייט אַזוי געבאַקן, אַז איך האָב זיך אַפילע ניט גענומען עפּעס טאָן.“

„נו, מײלע, נעם לייג זיך שלאָפן, דאָס קעפּל זאָל דיר ניט וויי טאָן.“

און פאַרטאָג ווידער געוועקט דעם זיידנס טעכטערל.

„שטיי שוין אויף, דו פוילעניצע, טרייב אַרויס דאָס ביקל אַף פּאַשע. אָט האָסטו אַ פּאַסמע דאָ, זע נאָר, זאָלסט מיר עס גוט אויסקעמען, אויסווייקן, אויסוועבן, אויסשפּינען און גוטע קלאָרע לייוונט אינאָוונט מיר ברייגנגען.“

האָט דאָס מיידל די פּאַסמע גענומען און געטריבן דאָס ביקל זיך פּאַשען. אויסגעקליבן וואו דאָס גראָז איז זיידיג, דאָס וואַסערל לויטער, פּאַשעט, און אַליין זיצט און וויינט.

האָט דאָס ביקל דערזען און פרעגט זי:

„וואָס וויינסטו, מיידעלע?“

„ווי זאָל איך ניט וויינען, זאָגט זי, איך קען דען אַזאַ אַרבעט אָפּטאָן?“

„זאָרג זיך ניט, זאָגט דאָס ביקל, ס'וועט שוין מיסטאָמע ווערן. לייג זיך צו אַביסל און שלאָף!“

האָט זי זיך אַנידערגעלייגט און אַ פאַרזאָרגטע איינגעשלאָפן. אינאָוונט זיך אויפגעכאַפּט, דערזעט זי, ווייסע לייוונט ליגט אָנגעגרייט. האָט זי גענומען, שיין צונויפגעלייגט און אַהיימגעבראַכט דער שלעכטער באָבען.

איז דער באָבען איינגעפאַלן:

„אָט אַ צעלאָכעסניצע, ווייזט אויס דאָס ביקל העלפט איר!“

און איז צו צום זיידן:

„קוילע, זאָג איך, קוילע דאָס ביקל. דיין טעכטערל, די פוילעניצע, אַז זי פּאַשעט עס, טוט זי שוין גאָרניט אַ גאַנצן טאָג, שלאָפט און געגווג!"

עסט אים און עסט אים, האָט דער זיידע מער ניט געקענט אויסהאַלטן און געזאָגט:

„גוט, נו, כ׳וועל קוילען ס׳ביקל!"

אַז דעם זיידנס טאָכטער האָט דאָס דערהערט, איז זי גיך אַריין אין שטאַל, אַרומגעכאַפּט דאָס ביקל מיטביידע הענט אַרום האַלז און זיך אַזוי צעוויינט, אַזוי צעיאָמערט – אַזש דאָס שטעלכל ציטערט.

„וואָס קלאָגסטו אַזוי?" פרעגט דאָס ביקל.

„ווי זאָל איך ניט קלאָגן, אַז מע וויל דיך קוילען?"

„זאָרג זיך ניט, זאָגט דאָס ביקל, מ׳וועט מיסטאָמע אויסקומען. אַז מ׳וועט מיך טאַקע קוילען, זאָלסטו בעטן די באָבען, זי זאָל דיר געבן מיינע קישקעלעך אויסצווואַשן אין טייך. וועסט אין די קישקעלעך געפינען א קערעלע, פאַרזעץ עס און באַגיס עס, ס׳זאָל אויסוואַקסן אַ ווערבע. דערנאָך, וואָס דו וועסט באַדאַרפן, לויף צו דער ווערבע און בעט זי – וועסט אלצדינג קריגן."

אַז מ׳האָט טאַקע דאָס ביקל געקוילעט, זאָגט דעם זיידנס טעכטערל צו דער באָבען:

„גיב מיר אויסשווענקען די קישקעלעך באַם טייך."

„נאַ, וואַש! ווער וועט דען וואַשן אַזאַ מיעסקייט, אז ניט דו? נעם, פוילעניצע!"

האָט דעם זיידנס טעכטערל גענומען, אַוועק צום טייך, אויסגעשווייַנקט זיי, געפונען דאָס קערנדל, עס איינ־געזעצט פונקט ווי דאָס ביקל האָט פאַרזאָגט.

איז אויסגעוואַקסן אַ ווערבע — אַזאַ ניט צו באַגעגע־נען — דאָס גאַנצע דאָרף כידעשט זיך. און באַ דער ווערבע מורמלט נאָך אַ קוועלכל אויך, אַ קלאָר ווייטער וואסערל — קרישטאָל — שוין איינמאָל אַ וואַסערל!

אום זונטיק האָט די באָבע אויסגעפוצט איר טעכטערל, און זיי גייען אין קלויסטער אַריין. און דעם זיידנס טעכ־טערל פאַרזאָגט זי: אי דאָס שטיבל זאָל ווערן אויפגעראַמט, אי דער אָנבייסן אָפּגעקאָכט, אי דאָס העמדל אויפגענייט, און נאָך אָן אַן עק זאַכן. אַז זי׳ט עפּעס פאַרפעלן, וועט מען זי אָנהאַרגענען.

זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען. און דעם זיידנס טעכטערל איז אַרויס אין גאָרטן, איז צוגעפאַלן צו דער ווערבע, ווי צו אַ מאַמען, און יאָמערט:

„העלף מיר, אומגליקלעכער, דערהער מיין ביטער האַרץ, זי וועט מיר אַן עק מאַכן!"

וויינט זי — און דערזעט:

פון דער ווערבע לויפן אַרויס צוועלף מיידלעך.

„וויין ניט, גוטינקע, וויין ניט, ליבינקע, נעמען זיי זי איין, מירן שוין עפּעס טאָן פאַר דיר!"

אַז זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איינע אין שטוב אַריין, די צווייטע — צום אויוון, די דריטע — דאָס העמד אויפנייען, אַ רעגע — און די גאַנצע אַרבעט פאַרטיק.

„און איצטער, זאָגן זיי, װעלן מיר דיך אויסצירן, װעסטו פאָרן אין קלויסטער."

און — פּונװאַנען האָט זיך עס גענומען פּלוצום? — אַ זיידן קליידל מיט אַ פּליושן טאַליעכל און אַפילע גילדענע שיכעלעך! זיך שיין אויסגעפּוצט, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ גאָלדענעם קאַליאָס — פאָרט.

פאַרפאָרן צום קלויסטער — אַך, װי ס'האָט אויפגערו־דערט, מ'האָט דאַונען פאַרגעסן! מ'האַלט אין איין קוקן אַף איר! איז עס אַ מענטש, צי אַ מאַלעך? אַזאַ שיינקייט פון אַ מיידל האָט נאָך קיינער ניט געזען.

און צװישן אוילאָם איז געװען אַ יונגער שיינער העלד, האָט ער די גאַנצע צייט קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר — אַזוי שיין איז זי געװען.

ניט געװאַרט ביז מ'עט ענדיקן, איז זי אַרויסגעגאַנגען, אַרײַנגעזעצט זיך אין קאַליאָס און אַװעקגעפאָרן. אַהיים געקומען, האָט זי אויסגעטאָן די שיינע קליידער, זיך אָנ־געטאָן אין די אַלטע שמאַטעס, זיך באַם פענסטערל געזעצט און װאַרט.

קומען אַהיים די באָבע מיטן טעכטערל, און באַלד טאַקע הויבט זיך אָן:

„נאַ, װאָס, אָנבייסן פאַרטיק?"

„פאַרטיק."

„אין שטוב אויפגעראַמט?"

„אויפגעראַמט."

„דאָס העמד אויפגענייט?"

„אויפגענייט."

זעצט מען זיך צום טיש, עסט מען, מע דערציילט זיך אַלץ וועגן דער רייכער שיינקייט, וואס איז געווען היינט אין קלויסטער. ס׳אַראַ קליידער, ס׳אַראַ קרעלן, און זי אַליין – ווי אַ בילד!

און דעם זיידנס טעכטערל שטייט און הערט עס אויס.

„וואָס האָסטו די פּיסקעס געעפנט, דו מיסניצע, שרייט אַף איר די באָבע, טו כאַטש אַ ריין העמדל אָן, דאַך מיעס אַף דיר אַ קוק צו טאָן. פּפוּ!״

דעם אַנדערן זונטיק האָט די באָבע ווידער אויסגע־פּוצט איר טעכטערל, ווי צוליב אַ כאַסענע, מ׳גייט אין קלויסטער. און דעם זיידנס טעכטערל אַזויפיל, אַרבעט פאַרגעבן, אַז ניט נאָר אָפּטאָן, נאָר אַפילע פאַרגעדיינקען איז שווער.

זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען. און דעם זיידנס טעכטערל, גיך־גיך אין גאָרטן צו דער ווערבע; איז צוגעפאַלן, אַרומ־גענומען מיטביידע הענט, און אַזוי געוויינט, אַזוי געוויינט, אַז טרערן אין קוועלכל געפאַלן:

„הער מיר אויס,
העלף מיר אויס,
כ׳האָב אַ ביטער לעבן,
כ׳קען קיין אייצע זיך ניט געבן!
באָבע יאָגט מיך,
באָבע שלאָגט מיך,
ווי אַ דאָרן אין אַ פעליץ
הייגט זי זיך אָן מיר!״

האָט זיך די ווערבע צעשאָקלט מיט אַלע צווייגעלעך, אויפגעציטערט מיט אַלע בלעטעלעך, און ס'האָט זיך אַרויס־געשאָטן פון איר צוועלף מיידעלעך, האָבן אַרומגערינגלט דעם זיידנס טעכטערל, ווי בינען אַ בלימעכל, און מע טרייסט זיך:

„ווייַן ניט, ליבינקס,
ווייַן ניט, שיינינקס,
מיר וועלן דיר העלפן!
זאָג, וואָס צו טאָן —
דעם אויוון צעגליען?
צושטעלן פענדלעך?
אויפנייען העמדלעך?"

האָט דעם זיידנס טעכטערל זיי צעטיילט די אַרבעט, און אַליין האָט זי אָנגעטאָן דאָס זיידן קלייד, דאָס פּליושן טאַליעכל, די גאָלדענע שיכעלעך און געפאָרן אין קלויסטער.

דער שיינער העלד קען פון איר קיין אויג ניט אָפּ־רייסן, האָט געוואָלט צוגיין זיך באַקאָנען, נאָר דעם זיידנס טעכטערל, ווי פאַראַכטאָגן, איז גיך אַרויס פון קלויסטער און אַף איר געגילדעטן קאַליאָס אַוועקגעפאָרן.

דעמאָלט האָט דער שיינער העלד אויסגערופן איבערן לאַנד, אַז ער וועט גליקלעך מאַכן דעם מענטשן, וואָס וועט אים מודיע זיין, וואו דאָס וואונדערשיינע מיידל וואוינט. איז געקומען צו אים איינער, זיינער אַ שאָכן, אַ פריילעכער, אַ ווערטלזאָגער:

„און איך ווייס, ווי מ'געפינט דאָס מיידל!"

„זאָג!“

„וואָס קריג איך דערפאַר?“

„אַ פייג!“

„אָ, ס'אַ גוטער פרייז! ס'ווערט אויסצוזאָגן, הער זשע!“ און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדן שיכעלע און דאָס געוויזן דעם פאַרזאָרגטן העלד.

„אַז זי איז זונטיק פון קלויסטער אַרויס, האָט זי פאַר־לאָרן דאָס שיכל אַף די טרעפּ. איך האָב עס געפונען. נאָך דעם שיכל נאָך קענען מיר זי אָפּזוכן.“

„וויאַזוי זי אַזוי אָפּזוכן?“

„אָט וויאַזוי: מ'דאַרף גיין איבערן לאַנד פון שטוב צו שטוב, און יעדער מיידל זאָל דאָס שיכעלע אָנמעסטן, אַף וועמענס פיסל ס'וועט אַרויף - איז דאָס זי.“

געזאָגט און געטאָן. צעשיקט מענטשן איבער אַלע שטעט און דערפער, און ער וואַרט. גייען די מענטשן און גייען, און מע געפינט אַלץ ניט אַזאַ, וואָס זאָל קענען אַרויפ־ציען דאָס שיכל.

קומט מען צו אַ ווערבע. אונטן אַ פרישינק קוועלעכל, רוט מען זיך אָפּ, טרינקט מען זיך אָן, און דער פאַרדראָס איז גרויס: וואָס וועט מען זאָגן, אַז מ'וועט זיך אומקערן מיט גאָרניט. קומט אַזוי אָן אַ באָבע, אַ מיעסע אַזאַ, אַ שלעכטע.

„האָסטו אַ טאָכטער?“

„פאַרוואָס ניט?“

„איינע?“

„אין שטוב איז דאָ נאָך איינע, דעם זיידנס, אַ פוילע־ניצע, אַ מיסניצע, נאָר מיינע, ווי אַ ליאַלקע!“

„פיר אונז צו דיר!"

האָט די באָבע זיי אַוועקגעפירט צו זיך, האָט צוגערופן איר טעכטערל, מעסט מען איר דאָס שיכל — אַפילע אַפן שפיץ פוס ניט!

„רוף אַרויס די צווייטע!"

„וואָס הייסט, זי איז ניט געוואַשן, ניט געקעמט, אַ ביזאָיען זי פאַר לייטן צו ווייזן."

„מע זאָגט דיר, רוף, נו!"

מוז זי שוין, גייט צו צום אויוון, שרייט:

„היי, דו פוילעניצע, קריך אַראָפּ דאָס שיכל מעסטן!"

איז זי אַראָפּ, מעסט אָן — ווי אַף איר געניייט!

„אַ, דאָס איז זי!" האָבן די מענטשן אויסגעשריען, און מיט פרייד זיינען די אויגן פול געוואָרן.

„נו, מיידל, קלייב זיך אין וועג אַריין."

„וואוהין?"

„צום שיינעם העלד!"

„וואַרט אַ רעגע, כ'וועל זיך אַביסל איבערטאָן."

האָבן זיך די מענטשן צוגעזעצט אַף די ביינק און מע וואַרט.

און דעם זיידנס טעכטערל איז אַוועקגעלאָפן צו דער ווערבע, זיך אָנגעטאָן, זיך אויסגעצירט — איז אַזוי שיין געוואָרן, שוין איינמאָל שיין! — ניט צו דערקענען. אַז זי איז אין שטוב אַריין, איז מיטאַמאָל אַזש ליכטיק געוואָרן.

נאָר די באָבע—וויסט ווי די נאַכט!

„איך דאַנק אייך פאַר אייער ברויט און זאַלץ‟ האָט דאָס מיידל געזאָגט צו זיידן און באָבען, זיך אַריינגעזעצט אין קאַליאָס און אַוועקגעפאָרן.

און יענע שטייען מיט אָפענע מיילער, און די באָבע קריצט אַזש מיט די ציין.

„איז דאָ עמעס אַף דער וועלט? זאָגט זי אַזאַ קוי־טיגס, אַזאַ פוילס — לויפט דעם נאָך דאָס גליק!‟

די פליענדיקע שיף

איז געווען אַמאָל אַ ציידע מיט אַ באָבע. האָבן זיי געהאַט דריי זין, צוויי קלוגע און איינעם אַ נאַר. די קלוגע זין האָט פאָטער און מוטער שטאַרק אָפּגעהיט; די באָבע טראָגט זיי אונטער אַלע וואָך ווייסע העמדער אָנצו־טאָן, אָבער דעם נאַר — נאָר געשאָלטן אים און געלאַכט פון אים. ער ליגט אַפן אויוון אין אַ שוואַרץ העמד אָן הויזן... אַז מען גיט אים עסן — עסט ער, אַז ניט — הונגערט ער.

איז איינמאָל אַרויס אַ קלאַנג איבערן לאַנד, אַזוי און אַזוי:

פונם קייסער אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיך צונויפ־קומען צו אים אַף אַ סודע; און ווער ס׳וועט מאַכן אַ פלי־ענדיקע שיף און וועט קומען צופליען אַף איר, דעם נעמט דער קייסער פאַר אַ פריינט פאַר זיין איינציקער טאָכטער.

פרייען זיך די צוויי קלוגע ברידער.

„מען דאַרף גיין: עפשער האָט זיך אונזער מאַזל פאַר־קייקלט אַהין."

בעט מען זיך בא טאַטע־מאַמע:

„מיר וועלן גיין צום קייסער אַף דער סודע, אָנווערן וועלן מיר גאָרניט — עפשער וואַרט דאָרטן אונזער מאַזל אַף אונז."

דער טאַטע רעדט זיי אָפּ, די מאַמע רעדט זיי אָפּ — ס'העלפט ניט! זיי טאַינעו איינס:

„מיר ווילן און מיר ווילן, בענטשט אונז אין וועג אַריין."

נו, קענען די אַלטעטשקע גאָרניט מאַכן, בענטשט מען זיי אין וועג אַריין. די באָבע גיט זיי אָן ווייסע פּיפּאָלי־קעס, אַ געבראָטנס און אַ פלעשל מאַשקע, און זיי לאָזן זיך גיין.

און דער נאַר זיצט אַפן אויוון און בעט זיך:

„כ'וויל אויך גיין וואוהין די ברידער זיינען געגאַנגען." לאַכן טאַטע־טאַמע:

„וואוהין, נאַר איינער, וועסטו גיין? די וועלף וועלן דיך דאָרטן צערייסן."

„ניין, ניט צערייסן, כ'וויל גיין!"

האָבן די אַלטע געלאַכט און דערנאָך אָנגעהייבן שריי־ען אַף אים. העלפט עס ניט. טראַכטן זיי, וואָס קען מען טאָן מיט אַ נאַר? זאָגן זיי:

„נו, מיילע, גיי, נאַר, מעגסט שוין צוריק ניט קומען! דערצייל כאָטש קיינעם ניט, אַז דו ביזט אונזער זון."

האָט אים די באָבע געגעבן אַ טאָרבע מיט אַ לאַבן שוואַרץ אַלטגעבאַקן ברויט, מיט אַ פלעשל וואַסער און אים אַרויסבאַלייט פון דער היים. איז ער אַוועק.

גייט און גייט און טרעפט אַפּן וועג אַן אַלטעטשקן. אַזאַ גראָער זיידע שוין, מיט אַ ווייסער באָרד ביזן גאַרטל!

„גוט מאָרגן, זיידע!"

„גוט יאָר, זונו!"

„וואוהין גייסטו, זיידע?"

„איך גיי איבער דער וועלט און העלף מענטשן פון צאָרעס אַרויס. און וואוהין גייסטו?"

„צום קייסער אַף דער סודע."

„דו קענסט דען מאַכן אַזאַ מין שיף, וואָס זאָל אַליין פליען?"

„ניין, כ׳קען ניט."

„וואָס זשע גייסטו אַהין?"

„כ׳ווייס אַליין ניט. אָנווערן וועל איך גאָרניט, עפשער וואַרט דאָרט מיין מאַזל אַף מיר."

„זעץ זיך דערווייל, ועסטו אָפּרוען אַביסל, וועלן מיר איבערבייסן. אַנו, נעם אַרויס, וואָס דו האָסט אין דער טאָרבע."

„עט, זיידעניו, ס׳איז דאָרטן גאָר ניטאָ, אַזאַ אַלט־געבאַקן ברויט, וועסט עס ניט קענען איינבייסן!"

„נו, נו, נעם אַרויס!"

נעמט דער נאַר אַרויס. אַך! — פונם שוואַרצן ברויט איז גאָר געוואָרן ווייסע פּיפּאָליקעס, ער האָט גאָר נאָך קיינמאָל אַזוינע ניט געגעסן — ווי פּריצישע!

זגאָט ווידער דער זיידע:

„ווי בייסט מען עס איבער אָן אַ קאָפּ מאַשקע! האָסטו ניט אין טאָרבע דאָרטן?"

„אַ פלעשל וואַסער האָב איך."

„נעם אַרויס!"

האָט דער נאַר אַרויסגענומען, אַ פאַרזוך געטאָן — אַזאַ מאַשקע איז עס געוואָרן!

האָבן זיי צעשפּרייט די סוויטקעס אַפן גראָז, זיך אָנידערגעזעצט און איבערגעביסן.

אַז מ'האָט גוט אָפּגעגעסן, האָט דער זיידע אָפּגעדאַנקט דעם נאַר פאַרן ברויט און מאַשקע און אים אַזוי געזאָגט:

„הער אויס, זונו: גיי דיר איצט אין וואַלד אַריין, גיי צו צו אַ בוים און טו אים אַ זעץ מיט דער האַק, און אַליין טו אַ פאַל, ווי אַ טויטער, מיטן פּאָנים צו דער ערד און ליג ביז עמיצער וועט דיך אויפוועקן. דעמאָלס וועסטו דערזען אַ שיף. זעץ זיך אַריין און פלי, וואוהין דו דאַרפסט. ווע־מען דו באַגעגנסט אַפן וועג, זאָלסטו מיט זיך מיטנעמען.

האָבן זיי זיך געזעגנט. דער זיידע איז אַוועק זיין וועג, און דער נאַר צום וואַלד. איז אין וואַלד אַריין, מיט דער האַק אין אַ בוים אַ זעץ געגעבן, מיט דעם פּאָנים צו דער ערד אַ פאַל געטאָן, און אַנשלאָפן געוואָרן. שלאָפט און שלאָפט.

אין אַ צייט אַרום פילט ער, עמיצער וועקט אים:

„שטיי שוין אויף, דיין באַשערטע זאַך איז שוין דאָ, שטיי אויף!"

האָט זיך דער נאַר אויפגעכאַפּט, ער טוט אַ קוק — אַך, אַ שיף! — די זייטן גילדערנע, דער מאַסטבוים אַ זילבער־

נער, און די זעגלען זיידענע. אויפגעהויבן — גרייט צום פליען!

ניט לאַנג געטראַכט און גוט געמאַכט: ער האָט זיך אַריינגעזעצט, די שיף האָט זיך אויפגעהויבן און פליט, געפלויגן נידעריקער פונם הימל, העכער פון דער ערד, מיטן אויג ניט צו דערזען!

פליט און פליט און דערזעט:

אַ מענטש איז צוגעפאַלן מיט אַן אויער צו דער ערד און הערט זיך איין.

האָט דער נאַר אַ געשריי געטאָן:

„גוט מאָרגן, פעטער!"

„גוט מאָרגן, גוט יאָר!"

„וואָס טוט איר עס?"

„כ'האָרך זיך איין, צי האָבן לייט זיך שוין צונויפ־געקליבן צום קייסער אַף דער סודע."

„איר דאַרפט דען אויך אַהין?"

„יאָ, אַהין?"

„קומט, זעצט זיך מיט מיר, וועל איך אייך צופירן."

איז דער מענטש אַריין, און זיינען ווייטער געפלויגן. פליען און פליען און דערזעען:

אַ מענטש גייט מיטן וועג, איין פוס איז אים צו אַן אויער צוגעבונדן און מיטן צווייטן שפרינגט ער.

„גוט מאָרגן, פעטער!"

„גוט מאָרגן, גוט יאָר!"

„וואָס שפרינגט איר אַף איין פוס?"

„ווייל ווען איך בינד אָפּ אויך דעם צווייטן פוס, וואָלט איך מיט איין טראָט די גאַנצע וועלט אַריבערגעשפּאַנט.“

„וואוהין שפּרינגט איר עס?“

„אַף דער סודע צום קייסער.“

„פּאָרט מיט אונז!“

„גוט.“

ווייטער געפלויגן און דערזען:

אַפן טראַקט שטייט אַ שיסער, און צילט מיט אַ פייל־און־בויגן, און אַרום איז גאָר קיין פויגל ניטאָ. האָט דער נאַר אַ געשריי געטאָן:

„גוט מאָרגן, פּעטער, אין וואָס צילט איר זיך, אַז ס'איז גאָר ניטאָ אַרום קיין פויגל ניט.“

„איז וואָס, אַז מ'זעט ניט? איך זע שוין גוט.“

„וואו זעסטו עס?“

„עט, דאָרטן פאַר הונדערט מייל, זיצט אַף אַ טרוקענעם באַרנבוים.“

זאָגט דער נאַר:

„קומט, פּאָרט מיט אונז!“

איז דער שיסער אַריין אין שיף.

פליט מען ווייטער, ווייטער, דערזעט מען ווידער:

עס גייט אַ מענטש און טראָגט אַ פולן זאַק מיט ברויט. שרייט צו אים דער נאַר אַראָפּ:

„גוט מאָרגן, וואוהין גייט איר?“

„כ'גיי קריגן ערגעץ ברויט אַף וואַרעמעס.“

„איר האָט דאָך אַ פולן זאַק!“

„ווייס איך, דאָס ביסל, ס'וועט אַף איבערבייסן מיר ניט קלעקן.“

„קומט פליען מיט אונז!“

„גוט.“

פליען און פליען און דערזעען:

אַ מענטש גייט אַרום באַם טייך, ווי ער זוכט עפּעס.

„גוט מאָרגן, וואָס גייט איר דאָ אַרום?“

„אַ טרונק וויל איך, קען איך אַלץ קיין וואַסער ניט געפינען.“

„נאַ, דער גאַנצער טייך, פאַרוואָס טרינקט איר ניט.“

„ע, וויפל איז דאָ פאַראַנען וואסער? אַף איין שלונג וועט מיר ניט סטייען.“

„קומט פאָרן מיט אונז!“

„גוט.“

פליט מען ווייטער, דערזעט מען ווידער:

אַ מענטש גייט אין דאָרף אַריין און טראָגט אַ בונט שטרוי.

„פעטער, שרייט דער נאַר אַראָפּ, וואוהין טראָגט איר עס די שטרוי?“

„אין דאָרף אַריין.“

„וואָס? ס'פעלט דען שטרוי אין דאָרף?“

„ס'איז דאָ, נאָר ניט אַזאַ שטרוי.“

„אַ וואָסערע איז דען דיינע?“

„אַזעלכע, וואָס אין דער שטאַרקסטער היץ אום זומער, אַז מע צעוואַרפט נאָר די שטרוי, נעמט באַלד אַ פראָסט.“

„פּאָרט מיט אונז?"

איז ער אויך אַריין.

פליט מען ווייטער, און מע פליט. ערשט מען דערזעט:

סע|| גייט אַ מענטש אין וואַלד אַריין און טראָגט אַ בינטל האָלץ אַף די פּלייצעס.

„גוט מאָרגן, פּעטער, וואוהין שלעפּט איר דאָס האָלץ?"

„אין וואַלד אַריין."

„אָט אַן אַרבעט! ס'איז דען ווינציק האָלץ אין וואַלד פאַראַנען?"

„ס'איז דאָ, אָבער ניט אַזאַ."

„אַ װעלך דען?"

„אין וואַלד איז פראָסט האָלץ, און מיינס, אַז מען צעוואַרפט עס, וואַקסן אויס פון דער העלער הויט סאָל-דאַטן!"

„פּאָרט מיט אונז."

איז ער אויך אַריין.

צי זיי זיינען לאַנג נאָך געפלויגן, צי ניט, אָבער צום קייסער אַף דער סודע זיינען זיי אָנגעקומען.

אין קייסערס הויף. טישן זיינען צעשטעלט, אַלע פאַרשפּרייטע. פּעסער מיט מעד און בראָנפן — אָנגעגרייט. עסט און טרינקט, וואָס דאָס האַרץ גלוסט! און מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, אַלטע און יונגע, רייך און אָרעם, פּריצים גרויסע און קינד און קייט. ווי אַף אַ יאַריד. האָט דער נאַר, מיט זיינע פריינט, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיין שיף, פונקט פאַרן קייסערס פענסטער, זיינען אַרויס פון שיף און געגאַנגען צום טיש.

אַז דער קייסער האָט דערזען, אַז עמיצער איז אָנגע־קומען צופליען אַף אַ גילדערנער שיף, האָט ער געהייסן דעם דינער:

„גיי פרעג, ווער איז עס מיט דער גילדערנער שיף געקומען צופליען?"

איז דער דינער אַוועק און באַלד געקומען צוריק:

„עפּעס מוזשיקעס, אָפּגעריסן — אָפּגעשליסן!"

גלויבט ניט דער קייסער:

„ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז מוזשיקעס זאָלן אַף אַ גילדערנער שיף? האָסט זיך, ווייזט אויס, שלעכט דער־פרעגט."

איז דער קייסער אַליין אַוועק צום אוילאָם און פרעגט:

„ווער איז אַף דער שיף געקומען אָט־הער?"

טרעט אַרויס פונם אוילאָם דער נאַר:

„איך!"

אַז דער קייסער האָט אים דערזען — זיין סוויטקע אַ לאַטע אַף אַ לאַטע, די פּלודערן מיט די לעכער, די קני קריכן אַרויס — האָט ער זיך אַזש ביים קאָפּ אַ כאַפּ געטאָן.

„ווי קען איך גאָר נעמען פאַר מיין קינד אַ פריינט אַזאַ מין כלאָפּ?"

וואָס טוט מען? האָט דער קייסער אים פאַרגעבן שווערע זאַכן אויסצופירן.

ער האָט דעם דינער געשיקט:

„גיי זאָג אים, אַז כאָטש ער איז געקומען אַף דער גילדערנער' שיף, פונדעסטוועגן, אויב ער וועט ניט ברייגען



קיין גענעזנוואַסער ביז דער אוילאָם וועט אָפּעסן, וועל איך אים פאַר מיין טאָכטער ניט נעמען און אים נאָך מיט דער שווערד — זיין קאָפּ צו דר׳ערד!״

האָט עס דער האָרכער דערהערט און דערציילט דעם נאַר. זיצט דער נאַר אַף אַ באַנק און איז פאַרזאָרגט, עסט ניט און טרינקט ניט. האָט דער גיכגייער אים אַ פרעג געטאָן:

„פאַרוואָס עסטו ניט?״

„ווי קען איך עסן? ס׳פאַרלייגט מיר דער האַלז. דער קייסער האָט פאַרטראַכט מיך אויסצופרוון — איך זאָל, ביז דער אוילאָם וועט אָפּעסן, ברייגען פאַר אים די גענעזנוואַסער. ווי קען איך עס דען טאָן?״

„זאָרג ניט, איך וועל זי דיר קריגן!״

קומט דערווייל דער דינער און גיט איבער דעם קייסערס באַפעל. ווייסט עס דער נאַר שוין פריער און זאָגט:

„זאָג דעם קייסער, כ׳וועל ברייגען.״

דערווייל האָט דער גיכגייער אָפּגעבונדן דעם פוס פונם אויער און אַ שפּאַן געטאָן, מיט איין שפּאַן אָנגעגומען די גענעזנוואַסער, איז אַביסל מיד געווען — טראַכט ער: „ביז מ׳וועט אָפּעסן, וועל איך זיך נאָך אומקערן. כ׳וועל זיך באַ דער מיל אַביסל אָפּרוען.״ האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַנשלאָפן געוואָרן.

אָט, אָט ענדיקט מען די סודע, און ער שלאָפט. דער נאַר זיצט שטאַרק, שטאַרק פאַרזאָרגט און טראַכט:

„ער איז פאַרפאַלן ערגעץ.״

דער האָרכער האָט דעם אויער צו דער ערד צוגעבויגט, זיך איינגעהערט און זאָגט:

„זאָרג זיך ניט, ער שלאָפט אונטער דער מיל, דער פּעפּער."

„וואָס זשע זאָל איך טאָן, ווי וועקט מען אים אויף?" זאָגט דער שיסער:

„האָב קיין יעסורים ניט, איך וועל אים שוין אויפ־וועקן."

און אָט—אַז ער טוט אַ ציִ אָן דעם בויגן, אַ וואָרף די פייל, אַ טראַך אין מיל אַריין, אַלע שטיקער שפּרינגען. האָט זיך דער גיבגייער אויפגעכאַפּט, איין שפּאַן געטאָן און ער איז דאָ. די געסט פאַרענדיקן די סודע, און שוין — די געזעגענונג. גע־נעזנוואַסער געבראַכט.

ווערט דעם קייסער שלעכט. וואָס טוט מען? פאַר־גיט ער אים אַ נייע זאַך. ער שיקט דעם דינער:

„גיי זאָג אים, אַז אויב ער מיט זיינע כאַווייִרים וועלן אויפעסן מיט איין מאָל זעקס פאָר אָקסן מיט פערציק געבעק ברויט איז גוט, ווען ניט..."

דער האָרכער האָט עס אונטערגעהערט און עס אָפּ־געטראָגן דעם נאַר.

„ווי מיר, וואָס זשע זאָל איך איצטער טאָן? כ'וועל אַפילע איין ברויט ניט קענען אויפעסן!"

און דער נאַר האָט זיך אַזש צעוויינט.

האָט אים דער פילפרעסער אַ זאָג געטאָן:

„וויין ניט, איך וועל דאָס אַלץ אויפעסן, און נאָך הונגעריק זיין."

קומט דערווייל דער דינער און גיט איבער, אַזוי און אַזוי —

זאָגט דער נאַר:

„גוט, גוט, זאָל מען דערלאַנגען."

האָט מען געבראַכט די צוועלף אָקסן, די פּערציק געבעק ברויט — אַז דער פרעסער האָט זיך אַ נעם געטאָן — קיין ברעקל ניט געלאָזט! ער בעט נאָך:

„אַך, נאָך עפּעס אַף פאַרבייסן..."

זעט דער קייסער — ס'איז שלעכט. פאַרגיט ער אים נאָך אַ זאַך:

„אויסטרינקען פערציק פערטל פעסער וואַסער און פערציק פערטל פעסער וויין מיט איין מאָל. אויב ניט — איז..."

האָט דאָס אויך דער האָרכער דערהערט און דערציילט דעם נאַר. זיצט דער נאַר און כליפּעט. גייט צו דער זויפער און זאָגט:

„וויין ניט, איך וועל עס אַליין אויסטרינקען און נאָך דאָרשטיק בלייבן."

האָט מען אַרויסגעפירט די פערציק פערטל פעסער וויין און וואַסער — איז, אַז דער זויפער האָט זיך אַ נעם געטאָן — ביז אַ טראָפּן אויסגעזויגן! און קלאָגט זיך נאָך.

„אַך, אַזוי ווינציק, אַזוי ווינציק..."

נאָך דעם אַלעמען זעט דער קייסער, אַז גאָר, גאָר שלעכט, טראַכט ער, אַז מ'מוז דעם נאַר אינגאַנצן ערגעץ אַהינטאָן. וואָרעם די זאַכן העלפן ניט. שיקט ער ווידער צו אים.

„זאָל ער פריער גיין אין באָד אַריין זיך אויסבאָדן און דערנאָך זאָל ער קומען צו מיר, צו מיין טאָכטער."
און אַ צווייטן דינער שיקט דער קייסער זאָגן דעם בעדער, ער זאָל אַ טשוהונענע באָד מאַכן. שטאַרק פייער־דיק אָנגליען, דער נאַר זאָל דאָרטן צונישט ווערן. האָט דער הייצער אַזוי אָנגעברענט די באָד, אַז די לופט האָט געבראָטן.
האָט מען אָנגעזאָגט דעם נאַר. גייט ער אין באָד אַריין.
און דעם נאַר גייט נאָך זיין פריינט מיטן בונט שטרוי. אַז זיי זיינען נאָר אין דער פייערדיקער באָד אַריין, האָט יענער זיין בונט שטרוי צעוואָרפן—איז באַלד אַזוי קאַלט געוואָרן, אַז דער נאַר האָט זיך קוים אויסגעטאָן, באַלד אַרויף אַפן אויוון און אַנשלאָפן געוואָרן פאַר קעלט.
פאַרטאָג הייסט דער קייסער עפענען די באָד – ער מיינט דער נאַר איז שוין ניטאָ, פארברענט געוואָרן. אַך, גאָר! דער נאַר ליגט אַפן אויוון און שלאָפט. האָט מען אים אויפגעוועקט.
רייבט ער זיך די אויגן און זאָגט:
„זיך גוט אויסגעשלאָפן..."
און גייט זיך אַוועק.
איז מען געלאָפן צום קייסער און דערציילט, אַזוי און אַזוי, דער נאַר אַפן אויוון געשלאָפן, און אין באָד איז אַזאַ פראָסט, גלייך מ'האָט יאָרנלאַנג זי ניט געהייצט. איז דער קייסער טרויעריק געוואָרן. וואָס טוט מען פאָרט? געטראַכט און געטראַכט און געזאָגט:

„איצט, אַז ער וועט מיר ביז אינדערפרי צושטעלן אַ פּאָלק סאָלדאַטן, נעם איך אים שוין פאַר מיין טאָכטער. אויב ניט — איז...״

און באַ זיך האָט ער געטראַכט:

„וואו וועט אַזאַ נעמען מיטאַמאָל אַ פּאָלק סאָלדאַטן? איך בין אַ קייסער, איז קען איך עס דען?...״

יאָ, אַזוי האָט ער באַפוילן.

דער האָרכער האָט עס אָפּגעטראָגן דעם נאַר, זיצט ער און וויינט:

„ווי קען איך איצט לעבן אַף דער וועלט? וואו זאָל איך אים סאָלדאַטן נעמען? און גייט אַפן שיף צו די גוטע פריינט:

„אוי, ראַטעוועט מיך, ברידער טייערע, איר האָט מיך שוין פון פיל שלעק געראַטעוועט. איצט בין איך פאַרפאַלן.״

רופט זיך אָן דער מיטן בינטל האָלץ.

„שאַ, וויין ניט, איך וועל דיך ראַטעווען.״

דערווייל קומט דער דינער, אַזוי און אַזוי — ביז אינ־דערפרי אַ פּאָלק סאָלדאַטן!

זאָגט דער נאַר:

„כ׳וועל עס מאַכן. נאָר זאָג דעם קייסער, אַז אויב ער וועט מיך איצט אויך אָפּנאַרן, גיי איך מיט אים מילכאָמע האַלטן.״

באַנאַכט האָט דער מענטש מיטן האָלץ אַוועקגעפירט דעם נאַר אין פעלד אַריין און אָנגעהייבן דאָס האָלץ צע־וואַרפן... צעוואַרפן... וואַרפט אַ שייטל — ווערט אַ מענטש,

וואַרפט אַ שייטל — ווערט אַ מענטש, און אַזוי אַ גאַנצער פאָלק געוואָרן — שיין צו קוקן!

גאַנץ פרי. דער קייסער כאַפט זיך אויף, הערט ער מען שפּילט, פרעגט ער:

„ווער שפּילט עס שוין אַזוי פרי?"

"ס'איז דער, וואָס אַף דער גילדערנער שיף געקומען... לערנט זיינע סאָלדאַטן..."

האָט דער קייסער אין פענסטער אַ קוק געטאָן און געהייסן אים רופן צו זיך.

קומט דער דינער צום נאַר — איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן! שווער אים צו דערקענען! זיין אָנטאָן שיינט אַף אים, אַ היטעלע פון שטראַליק גאָלד, און זיין פּאָנים — ווי די זון! ער רייט אַפריער אַף אַ שוואַרצן פערד, נאָך אים אַן עלטסטער, נאָכן עלטסטן — די סאָלדאַטן. איז צוגעריטן צום קייסערס שלאָס און אַ געשריי געטאָן!

„שטיין!"

די סאָלדאַטן שטיין געבליבן, גלייך ווי ווירעס. ער גייט אַריין אין שלאָס, דער קייסער נעמט אים אַרום און זאָגט:

„זעץ זיך, מיין פריינט, מיין ליבער!..."

איז דעם קייסערס טאָכטער אויך אַריינגעקומען, האָט אים דערזען און זיך דערפרייט — אַזאַ ליכטיקער און שיינער.

האָט דער קייסער געמאַכט נאָך אַ גרעסערע סודע פאַרן גאַנצן לאַנד — אַזש אַ רויך ביזן הימל איז געגאַנגען!

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 48.